ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת בא

אידיש

**515**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# חמשה-עשר

## ◆ בא ◆

❀

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט דער שמועס פון נפש מיטן גוף און פון גוף מיטן יצר הרע, און אויך דער וויכוח פונעם מענטש מיט דער ערד**

❀

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאלט
## פון פופצענטער פרק


**א.** התעוררות רייד וואָס די נשמה זאָגט צום גוף און וואָס דער גוף זאָגט צום יצר הרע.......... **ג**

**ב.** רייד וועגן די פטירה פון אַ מענטש, וואָס טוען אונטערטעניגן דאָס האַרץ פון מענטש.......... **ה**

**ג.** אַ תפילה וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן יעדן טאָג.......... **ז**

**ד.** תפלה - בלשה"ק.......... **ז**

**ה.** אַ וויכוח פונעם מענטש מיט דער ערד פאַרוואָס זי פאַרלענדט די קערפערס פון מענטשן נאָך זייער טויט.......... **ח**

**ו.** די ערד האָט נישט די געוועלטיגונג צו מאַכן פוילן די קערפערס פון הייליגע מענטשן.......... **יא**

# פרק חמשה-עשר

## התעוררות רייד וואָס די נשמה זאָגט צום גוף און וואָס דער גוף זאָגט צום יצר הרע

**א. יתעורר המשכיל,** דער קלוגער זאָל דערוועקן זיין נשמה אַז זי זאָל רעדן צו זיין גוף, און זיין גוף זאָל רעדן מיט זיין יצר הרע.

**וכה,** און אַזוי זאָל די נשמה זאָגן צום גוף: מיין גוף, דו זאָלסט וויסן די אונטערבעטונג אין קבר וועט זיין ווערים און דיינע קליידער וועלן אויך זיין מאָדען און דער קישן וועט זיין אַ שטיק ערד. און פאַרוואָס טוט עסן פיל פלייש אָנצוגרייטן זיסע שפּייז פאַר די ווערים.

**ולמה,** און פאַרוואָס מאַכסטו דיינע נעגל פאַר העק מיט זיי צו שניידן האָלץ אין וואַלד דיך צו פאַרברענען אין גיהנם, און דיין פּנים פאַר אַ מעסער, דערמיט צו רייניגן דעם זשאוויר פון דיינע זינד, און דיינע פינגער פאַר שפּיזן צו שפּאַלטן מיט זיי דיין בויך, דיין צונג זאָל זיין אַ פייל צו וואַרפן אין דיר און צו שפּאַלטן דיינע נירן. פאַרוואָס זאָלסטו זיך נישט דערבאַרעמען איבער דער פאָרעם פון דיין געשטאַלט. ביז אַהער זאָל זאָגן און רעדן די נשמה צו דעם געפּלאָגטן גוף.

**והגוף,** און דער גוף זאָל רעדן מיט זיין יצר הרע: פאַרוואָס, מיין יצר הרע, זאָלסטו מיך נאָכיאָגן און זאָלסט מיך רעכענען פאַר אַ פיינט? דו זאָלסט וויסן אַז עס וועט פאַר דיר קיין לויב נישט זיין וואָס דו גייסט מיט מיר מלחמה האַלטן, ווייל דו ביסט אַ ברענענדיג פייער און איך בין ווי שטרוי. צו וועט זיך דען באַרימען דאָס פייער אַז עס פאַרברענט אַ שטרוי? דו ביסט זייער אַ שטאַרקער ווינט און איך בין נאָר ווי אַ רויך. איז דען צו לויבן אַ שטאַרקן ווינט וואָס ער צושפּרייט אַ רויך?

**אתה,** דו ביסט ווי אַ שאַרפע האַק און איך בין נאַר ווי פאַרפוילט האָלץ. דו ביסט אַ שטאַרקער האַמער וואָס צוברעכט שטיינער און איך בין ווייך אַזוי ווי אַ שוואָם. דו ביסט באַוואָפנט מיט אַלערליי כלי זיין און איך בין נאַקעט און שוואַך. דו ביסט אַ שלאַנג וואָס הרג'עט און איך בין אַ שוואַכע טויב. דו ביסט אַ לייב וואָס ברומט און איך בין ווי אַ שוואַך ציגעלע.

**אתה,** דו ביסט ווי אַן אָדלער וואָס צורייסט די פייגל און איך בין ווי אַ קליין הינקעדיג פייגעלע. דו ביסט אַ גיבור און איך בין אַן עני ואביון, איז דאָך אַ בושה אַז אַ גיבור זאָל צערענען אויף אַן אָרימאַן. דו ביסט אַ אַלטער מאַן און איך בין אַ קינד איז דען ראוי אַז אַ קלוגער אַלטער מאַן זאָל רעדן מיט אַ קינד, און אפילו מיט גרויסע מענטשן געהערסטו אויך נישט צו רעדן, ווייל זיין סוף וועט זיין אַז ווערים וועלן אים עסן.

**לכן,** דעריבער מיין יצר הרע כאָטש דו האָסט מיך פיינט וועל איך דיר געבן אַ עצה ווי די ווייבער צו אַלכסנדר מוקדון, ווען ער איז געגאַנגען מיט זיי מלחמה האַלטן, האָבן זיי צו אים געזאָגט אַז דו וועסט אונז מנצח זיין וואָס פאַר אַ גדולה וועט דיר גרייכן דערפון וואָס דו האָסט מנצח געוועזן ווייבער; און אויב מיר וועלן דיך מנצח זיין וועסטו שוין קיין מאָל נישט האָבן קיין נאָמען צווישן די מלכים. האָט ער צוגעהערט צו זייער עצה און האָט נישט מלחמה געהאַלטן מיט זיי.

**גם,** אויך אַזוי דו יצר הרע דערווייטער זיך פון מיר, ווייל אַז דו וועסט מיך מנצח זיין וועסטו דערפון נישט האָבן קיין שום שיינקייט און אויב איך וועל דיך מנצח זיין וועט דיך באַדעקן בושה און שאַנד.

**ואַל,** אויך זאָלסטו זיך נישט פאַרזיכערן אַז אַ שוואַכער קען נישט מנצח זיין קיין שטאַרקן, דעריבער וועל איך דיך נישט קענען מנצח זיין, זאָלסטו וויסן אַז די גמרא זאָגט אַז פינף סאָרטן פאָרכט איז דאָ, וואָס דער גיבור פאָרכט זיך פאַר דעם שוואַכן. די פאָרכט פון אַ

קליינע חיה וואָס הייסט מפגיע איז אויף אַ לייב, די פארכט פון אַ יתוש איז אויף אַ עלעפאַנט, די פאַרכט פון אַ סממית איז אויף אַן עקדיס (עקרב). די פאָרכט פון אַ סנונית איז אויף אַ אדלער, די פארכט פון אַ קליין שרץ כילבית איז אויף דעם לויתן.

**הרי,** האָסטו דאָך ווי קליינע און שוואַכע טייטן גרויסע גיבורים, און דו יצה״ר ביסט אויך אַזוי ווי איינער פון זיי, און אַזוי ווי רב עמרם האָט געזאָגט צו זיין יצה״ר, נאָך דעם אַז ער האָט אים מנצח געווען, איך בין פלייש און דו ביסט פייער, און דאָס פלייש קאָן אַוועקשטוסן דאָס פייער.

**ואם,** און אַז דו ווילסט וועל איך דיר אַ עצה געבן דו זאָלסט מיט מיין יצר טוב חברותא מאַכן אַזוי ווי ברידער, מיר זאָלן דינען צו אונזער באַשעפער, און אונזער אויס לייזער.

## רייד וועגן די פטירה פון אַ מענטש, וואָס טוען אונטערטעניגן דאָס האַרץ פון מענטש.

**ב. ומצאתי,** איך האָב געפינען אין ספר **באר מים חיים,** פון די זאַכן פון דעם מענטש׳ס פטירה, איז מיר געפעלן דאָ צו שרייבן.

**האספו,** זאַמעלט אייך איין, און הערט צו די קינדער פון יעקב, איך וועל אייך זאָגן וואָס עס וועט אייך טרעפן. דער מענטש וואָס עס פארכט זיך פאַר גאָט און האָט אַ ווייך האַרץ, זאָל נישט ווילד זיין, נאָר ער זאָל גיין אין גאָטס ליכט.

**בטרם,** איידער עס וועט קומען זיין טאָג וואָס ער וועט שטאַרבן, און אַן אַנדערער וועט צו נעמען זיין פאַרמעגן, און זיין כבוד וועט אים נישט נאָך גיין אין קבר אַריין.

**יעזבוהו,** זיינע געטרייע פריינד וועלן אים פאַרלאָזן, און זיינע קינדער וועלן אים נישט העלפן. אַז ער וועט שטאַרבן וועט

מען אים אַרויס פירן אויף אַ מטה, און אויף דעם אַקסל וועלן זיי אים טראָגן, אין דער ערד וועלן זיי אים לייגן. און ער וועט דאָרט ליגן אַליין, ער וועט זיך נישט קענען קערן און ווענדן פון איין זייט צו די אַנדערע, און זיינע אויגן וועלן נישט זעהן ווי זיין פנים איז פאַרענדערט, און זיינע אויהערן וועלן טויב זיין. און גאָר דער גוף וועט פאַר פוילט ווערן, דאָס איז דער סוף פון גוף פון אַ מענטש.

**ככה,** אַזוי איז געווען צו די ערשטע וואָס זענען שוין געשטאָרבן, און אַזוי וועט טרעפן צו די שפּעטערדיגע. מען מאָנט פון אַלע גלייך, יונג און אַלט, מענער ווי פרויען, אָרעם און רייך. ווי דער שטאַרבט אַזוי שטאַרבט דער אויך. ווי איז דאָס קלוגשאַפט פון די פאַרשטאַנדיגע וואָס זענען געווען פאַר צייטן, אַז עס איז געקומען זייער צייט פון שטאַרבן איז אויס געגאַנגען זייער פאַרשטאַנד. ווי זענען די גבורים וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן שם, זיי ליגן אין דער ערד און זענען געוואָרן אַש.

**וזה,** דאָס איז דער סוף פון אַלע מענטשן, זיי גייען אַוועק פון דער וועלט נאַקעט, אַזוי ווי זיי זענען געקומען אויף דער וועלט, פון נאַרישקייט צו טרויעריגקייט, פון האָפענונג צום קבר, פון קראַנקהייט צו טויט. און דער מענטש האָט אויף דער וועלט קיין אַנדערע מעלה נישט, נאָר צו פאָרכטען זיך פאַר גאָט, וואָס ער איז אַ באַשיצער אין די צייטן ווען עס קומט אַ צרה ח״ו אויף דעם מענטש, וואָס אין זיין האַנט איז דאָס לעבן פון אַלע לעבעדיגע באַשעפענשן.

**אשרי,** וואויל איז דעם וואָס זיין האַרץ טראַכט ריין צו מאַכן די נשמה, און זי אומקערן אַזוי ווי זי איז געגעבן געוואָרן. און השי״ת מיט זיינע פיל חסדים וועט שטאַרקן די מאַכט פון זיינע קנעכט צו היטן זיינע מצות. וואויל איז דעם וואָס דער גאָט פון יעקב איז אין זיין הילף, וואָס זיין האָפענונג איז אויף גאָט זיין גאָט.

## אַ תפילה וואָס אַ מענטש זאָל זאָגן יעדן טאָג

**ג. ירגיל,** דער מענטש זאָל זיך געוואוינען די תפלה צוזאָגן אַלע טאָג.

**ה',** גאָט וואָס דו שטרעקסט אויס דיין האַנד אָנצונעמען די בעלי תשובה, און העלפסט זיי תשובה טאָן. עפן די הייליגע האַנד, און העלף מיר תשובה טאָן, איך זאָל מיך שטאַרקן אין תורה און מעשים טובים. און שטיי מיר ביי, איך זאָל קענען ביי קומען מיין יצר הרע ער זאָל מיך נישט ביי קומען. פאַריאָג אים פון מיינע רמ"ח איברים, און שריי אים אָן, ער זאָל מיך נישט צו רעדן צום שלעכטן. טו אָפּ דאָס שטיינערנע הארץ פון מיר, און גיב מיר אַ ווייך האַרץ איך זאָל צו הערן מוסר.

**אנא,** איך בעט דיך גאָט, מיין גאָט, הער צו מיין געבעט, און נעם אָן מיין תשובה און מיין תפלה, און זיי זאָלן פאַר מיר זיין מליצי יושר. און אויב איך האָב חס ושלום גאָר קיין מליץ יושר נישט, זאָל דיין רחמנות זיין פאַר מיר אַ מליץ יושר, דען דו ביסט דאָך די קוועלע פון רחמים, און אויסער דיר איז נישט דאָ קיין דערבאַרעמדיגער, געלויבט ביסטו דערבאַרעמדיגער גאָט וואָס דו העלפסט די בעלי תשובה.

## תפלה – בלשה"ק

**ה'** אלקים, הפושט יד בתשובה לקבל השבים, ומסייע לבא לטהר – פתח ידך וקבלני בתשובה לפניך, וסיעני להתחזק בתורתך, ועזרני נגד השטן הנלחם בי בתחבלות ומתנקם בנפשי להמיתני, אל ימשל בי, ורחקהו ממאתים וארבעים ושמונה איברים שבי, ותשקיעהו בתום מעמקי מים רבים, וגער בו לבל יעמד על ימיני לשטני, ועשה אשר אלך בחקיך, והסר לב האבן מקרבי, ותן לי לב בשר.

**אנא** ה' אלהי, שמע אל תפלת עבדך ואל תחנוניו, וקבל את תשובתי ותחנתי ובקשתי, ויהיו לפני כסא כבודך מליצי ישר להליץ בעדי

ולהכניס את תפלתי באזניך. ואם בעונותי הרבים אין מליץ בעדי ואין מלמד עלי זכות – חתר נא לי מתחת כסא כבודך, ורחמיך וחסדיך יהיו מליצים לפניך, ושמע תפלתי, כי אתה שומע תפלת כל המבקש רחמים ממך, כי מקור הרחמים אתה ואין זולתך מרחם ומושיע. ברוך החונן ומרחם ומושיע חנם.

❖❖❖

## אַ וויכוח פונעם מענטש מיט דער ערד פאַרוואָס זי פאַרלענדט די קערפערס פון מענטשן נאָך זייער טויט

**ד. ויכוח,** דאָס איז דער ויכוח וואָס דער מענטש זאָל האָבן מיט דער ערד. ערד, ערד אין דיין פנים איז זייער שוואַרץ און דיין געשטאַלט איז זייער טונקל, און דיין פנים איז נישט אַזוי ווי דיינע מעשים. פון דיר וואַקסט אַלערלייביימער מיט זייער הייך, און מיט זייער געשטאַלט, דאָס איז מיט דער גזירה פון דעם אויבערשטן גאָט.

**יוצאים,** פון דיר שפּראָצען בליאונג און אַלערליי בשמים און קרייטעכצער וואָס שמעקן, און זענען מסוגל צו רפואות, און וויינגערטנער און וועלדער און אַלערליי מינים רויזען, גוטע פירות אין טעם און ריח צו לויבן גאָט, און צו זאָגן געלויבט איז דער וואָס האָט די אַלע באַשאַפן. אַז דער טוי נידערט אויף דיר ביינאַכט, טוט שפּראָצן גראָז צו די בהמות, און עסנוואַרג צו די מענטשן.

**ומתרבים,** און עס קוועלן פון די ברינער מיט קוועלנדיגע וואַסער, צו דערקוויקן אַ מידן לייב, און צו דערנערן מיט זיי אַלע לעבעדיגע באַשעפעניש, און פון דיר גייט אַרויס די אַלע מלבושים וואָס די מלכים און הערן טוען אָן כבוד און שיינקייט, און פון דיר קומט אַרויס אַלערליי טייערע שטיינער און גאָלד און זילבער.

**כלל,** דער כלל איז פון דיר גייט ארויס אַלערליי גלוסטיגקייט. און מיר

זעען דאָך, אַז אויך אין דיר ווערט באַגראָבן אַלע מתים.

**אשאל,** וועל איך דיך פרעגן שאלות, פאַרוואָס ווערסטו איבער געדרייט פון דערבאַרעמדיג צו אום דערבאַרעמדיג, דען אַז עס שטאַרבט אַ האַר אָדער אַ שררה, אָדער אַ חתן וכלה און זיי קומען צו דיר, פאַרוואָס זאָלסטו זיך אויף זיי נישט דערבאַרעמען.

**והפנים,** און דאָס פנים וואָס האָט געשיינט ווי ליכט, דרייסטו איבער צו שוואַרץ, און די חתנים און כלות וואָס פרייען זיך מיט דעם צירונג פון זייער שיינקייט, ווערט זייער הויט איינגעשרומפּן, און אויף דעם אָרט ווי זיי האָבן געוואַשן זייערע הענט מיט רויזן וואַסער, נידערט אין זיי פייכטקייט, און זייערע שיינע קליידער ווערן תיכף פאַרדאָרבן.

**כלל,** דער כלל איז בשעת ער לעבט, ביסטו צו אים גוט, און אַז דער מענטש שטאַרבט ווערסטו איבער געדרייט – ווי אַן אַכזר.

**השיבני,** ענטפער מיר, אויף די שאלות וואָס איך האָב דיר געפרעגט, דיין מדה איז צו טאָן גוטס און היטן דעם מענטש און מאַכן וואַקסן פאַר אים אַלערליי עסנוואַרג און קליידונג און תענוגים. און פאַרוואָס זאָלסטו איבער געדרייט ווערן צו אַן אכזר, צו מאַכן פאַרלירן אים נאָך זיין טויט, און אָפּ צו טאָן זיין שייניקייט, דען מיין האַרץ ברענט אין מיר דאָס צו וויסן, ווייל מיר האָבן בקבלה, אז אַ גוטער ווערט נישט קיין שלעכטער.

**והאדמה,** און די ערד טוט ענטפערען. דו בן אדם, הער צו מיינע רייד, איך בין די מוטער פון אַלע לעבעדיגע באַשעפעניש, פון מיר גייען אַרויס אַלע באַשעפעניש פון דער וועלט, און צו מיר קערן אַלע צוריק.

**כל,** פון אייביג אָן בין איך ריין, און פאַר לענד אַלע אום רייניקייט, אין מיר איז נישט דאָ קיין פלעק. אין מיר ווערן באַהאַלטן די הייליגע ספרים וואָס ווערן פאַרפוילט, און די כלים פון דעם בית המקדש, און

דער ארון איז אין מיר באַהאַלטן געוואָרן, אין דעם טאָג ווען השי"ת האָט געצאָרנט און האָט חרוב געמאַכט דאָס בית המקדש.

**ובודאי,** מיין באַשעפער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ נֶאֱמָן צו ווידער קערן די גופים, אין וועלכע צייט ער וועט וועלן זיי לעבעדיג מאַכן, און איך היט מיין געבאָט אַרויס צוגעבן פאַרשידענע ביימער און פירות צו לויבן אים, אַז אַלץ איז געוואָרן דורך זיינע רייד. אין מיר זענען באַהאַלטן די הייליגע גופים מיט זייער געשטאַלט און זייער שיינקייט זיי זיצן ווי זיי לעבן. זיי ליגן אין מיין רואונג, און ווערן נישט פאַרענדערט, און מיט זייער מויל לערנען זיי, אזוי ווי זיי האָבן געטאָן ביי זייער לעבן.

**יעיד,** לאָז עדות זאָגן דער גרויסער תנא רבי בנאה דער צדיק ער איז געקומען אויסמעסטן די מערת המכפלה וואָס די אבות ליגן דאָרט, האָט ער געזעהן ווי די אבות זענען אין דער מערה מיט גרויס לעבטיקייט, און דער טריט פון אדם הראשון איז אַזוי שיין אַז זי מאַכט טונקל די זון מחמת שיינקייט, און זיין פנים איז ווי אַ רויז. אויך פון מיר נעמט מען צוצודעקן דאָס בלוט פון חיות און עופות, און אָנצוטרינקן אַ סוטה צו אויסרוימען די פרוי וואָס האָט געזינדיגט.

**למה,** פאַרוואָס לייגסטו אויף מיר אַ זינד, אַז איך פאַרלענד די גופים, דען די וועלט וואָס דו ביסט אויף איר געגאַנגען בשעת דו האָסט געלעבט, איז גלייך ווי אַ שיף אַין מיטן ים. און דו האָסט אָנגעפילט די שיף מיט גרויסע משאות פון דיין רשעות, און פילע זעק פון דיינע זינד און מיט דעם אַלעמען האָסטו מטמא געוועזן מיין רואונג.

**והסחורה,** און די סחורה וואָס דו האָסט מיט דיר געבראַכט איז שוועבל און פעך און אַ פייער גייט פון דאָרטן אַרויס ביז עס גרייכט צו דיר, און זיין רויך איז אויף געגאַנגען, און דיין פנים איז שוואַרץ געוואָרן, און דאָס פייער האָט צוגאָסן דעם גוף, און עס איז

געוואָרן ווערים, ממילא האָסטו דיר אַליין גורם געוועז דיין שאָדן און דעם אומגליק פון דיין גוף, און וואָס האָסטו אויף מיר תרעומות צו האָבן.

**הישר,** מאַך גוט דיין וועג, און אַז דו וועסט קומען צו מיר וועסטו אומקערן צו די יונגע טעג. דעריבער, דו מענטש פאַרנעם מיין עצה, רייניג דיינע מעשים, און אַז מען וועט דיר זאָגן געגעהן אַהער, וועסטו רוען ביי מיר מיט פרייד.

**הבט וראה ישראל כשהיו במצרים,** זעה די יודען אַז זיי זענען געוועזן אין מצרים אָן תורה און אָן מצות, זענען זיי געוועזן איינגעזונקען אין די שווערע אַרבעט מיט ליים און ציגל, און אַז זיי זענען אַרויס פון מצרים און דער ים איז פאַר זיי געשפּאָלטן געוואָרן, און זיי האָבן געגלייבט אין השי"ת, און אין זיין קנעכט משה רבינו, און זענען געהייליגט געוואָרן מיט גרויס קדושה, האָבן זיי זוכה געוועזן צו קומען צום באַרג סיני, און האָבן מקבל געוועזן די תורה, און האָבן געגעסן מן, וואָס דאָס איז אַזאַ ברויט וואָס איז געוואָרן איינגעשלונגען אין די איברים און האָבן געקראָגן די מעלה פון רוחניות, און אַז זיי זענען געשטאָרבן האָט קיין ווערים אין זיי נישט געוועלטיגט, און זייערע אויגן זענען נישט טונקל געוואָרן, און זייער ליחות האָט נישט געטראָפט, און זייער פנים איז נישט פאַרענדערט געוואָרן, און זענען גלייך ווי זיי ליגן אויף זייערע בעטלעך.

## די ערד האָט נישט די געוועלטיגונג צו מאַכן פוילן די קערפּערס פון הייליגע מענטשן

**ה. הרי,** זעה דו מענטש אַז די ערד פאַרלענדט נישט די הייליגע גופים נאָר אין די געמיינע מענטשן געוועלטיגט דאָס פוילקייט צוליב זייערע זינד.

**כלל,** דער כלל איז אַז דער מענטש ברענגט אויף זיך אַליין דעם טויט

אָדער לעבן.

**עד,** ביז אַהער ענטפערט די ערד צו דעם מענטש און גיט אים עצות צום לעבן צו די וואָס גייען נאָך איר עצה.

**ואני,** און איך וועל שטעלן פאַר דיר די צוואות פון דעם תנא רבי אליעזר הגדול, וואָס ער האָט געבאָטן צו זיין זון הורקנוס אים מדריך צו זיין אין דעם גוטן און רעכטפאַרטיגן וועג, וואָס ער ווערט אָנגערופן דער וועג פון לעבן. און ווייל זיי זענען געלייטערטע רייד און זיסער פון האָניק און טייער פון גאָלד, וועל איך עס שטעלן אין אַ באַזונדערן פרק.

❀ ❀ ❀